בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִיש

לֶךְ לְךָ

תשע"ט

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**א שבח והודאה פארן אייבערשטן אז מ'הייבט שוין אן די עלפטע יאר ישיבה; די פירות פון די ישיבה שלאגט שוין ווארצלען איבעראל.**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת נח, כ"ח תשרי, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

חסדי השם יתברך אז מיר האבן היינט אנגעהויבן די עלפטע יאר ישיבה; א' נח שנת תשס"ט האבן מיר אנגעהויבן די ישיבה. עס איז אריבער אויף אונז אסאך רדיפות און אסאך שפיכות דמים, מענטשן האבן געטון אלעס וואס זיי האבן געקענט צו פארמאכן דעם הייליגן פלאץ, אבער בזכות הצדיקים האבן מיר זיך דערהאלטן און מיר וועלן זיך ווייטער דערהאלטן און אנגיין מיט די הייליגע ארבעט אריין צו ברענגען אין אידישע קינדער די ריינע אמונה.

אין ישיבה לערנען מיר שוין איבער עלף יאר א טיפע סוגיא פון: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", מיר לערנען און מיר נעמען אריין אין זיך אז אלעס איז דער אייבערשטער, עס איז נישט דא קיין שום מציאות אויסער דעם אייבערשטן און עס עקזעסטירט נישט קיין טבע מקרה מזל, אלעס לעבט פון אים.

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פון הייליגן רבי'ן וואס לערנט מיט אונז אמונה; מיר זאלן לעבן מיט אמונה אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ח', אות ח): "וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ 'שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת'", מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו טרעפן אן אמת'ער צדיק וואס קען צוברענגען צו האבן א ריינע קלארע אמונה, "כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", ווייל אלע וואס זענען מקורב צו אן אמת'ן צדיק זענען זוכה צו האבן א קלארע אמונה; דאס באקומט מען ווען מען ווערט מקרוב צום רבי'ן, אלע קשיות, ספיקות און בלבולים גייען אוועק און די אמונה שיינט און לייכט, מען לעבט מיט א אמונה ברורה ומזוככת.

מיין הארץ איז אנגעפילט מיט לויב צום אייבערשטן 'אשר בנחל' שם חלקינו וגורלנו יעצט ווען מיר גייכן אריין אינעם עלפטן יאר וואס מען לערנט מיט תלמידים נאכאמאל און נאכאמאל חיזוק אויף די אמונה.

דער הייליגער רבי נתן זאגט (ליקוטי הלכות נזיקין הלכה ה׳, אות יא): "וּמִי שֶׁרוֹצֶה לָחוּס עַל חַיָּיו - צָרִיךְ לֵילֵךְ עַל יָדָיו וְעַל רַגְלָיו לְבַקֵּשׁ יְשִׁיבָה אֲמִתִּית כָּזֹאת, שֶׁיּוּכַל לִזְכּוֹת עַל יָדָהּ לֶאֱמוּנָה שְׁלֵמָה וּלְקִיּוּם הַתּוֹרָה, לְבַל יֹאבַד בְּתוֹךְ הַתְּהוֹמוֹת תַּחְתִּיּוֹת שֶׁנָּפַל לְשָׁם, כַּאֲשֶׁר הוּא יוֹדֵעַ בְּנַפְשׁוֹ", ווער עס וויל רחמנות האבן אויף זיין לעבן דארף זוכן א ישיבה וואו מען לייגט אריין אין די תלמידים אמונה, נישט סתם זוכן נאר קריכן אויף די הענט און פוס אויפצוזוכן און טרעפן א ישיבה וואו מען לערנט אים אויס צו לעבן מיט אמונה.

דו ווייסט דאך ביי דיר אין הארץ וואס דו האסט אלץ זוכה געווען פון ווען דו ביסט אנגעקומען צו דעם הייליגן ישיבה און צו וואס דו ביסט נאך יעצט זוכה דורך דעם פלאץ, וויפיל תורה, תפילה וקיום המצוות מען באקומט פון דעם הייליגן פלאץ. בלייבט איבער נאר צו דאנקען דעם אייבערשטן און בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן ווייטער קענען פאשפרייטן די ריינע אמונה אויף די וועלט.

דער רבי האט געזאגט (עיין חיי מוהר"ן, סימן רכ"ט): "נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ", איך האב אויסגעפירט און איך וועל אויספירן, "גָּמַרְתִּי וָאֶגְמוֹר", איך האב געענדיגט און איך וועל ענדיגן; דאס זעען שוין אלע היינט בחוש ווי דער רבי נעמט איין די וועלט, אט אט קומט שוין משיח צו גיין, ער וועט אריין ברענגען און אלעמען די זאך פון תפילה והתבודדות.

דער רבי האט געזאגט: "משיח וועט איננעמען די וועלט אן קיין איין שאס פולווער", ער וועט איינעמען דער וועלט מיט תפילה; דאס הייסט, ער וועט אריין ברענגען אין יעדן איינעם אז מען זאל נישט זיין פארנומען מיט א צווייטן, נאר יעדער זאל בלויז זיין פארנומען מיט זיך אליינס.

צוביסלעך הערט מען שוין פון אלעמען מעשיות פון תפילה, עס ווערט שוין א דרך כבושה לרבים צו רעדן צום אייבערשטן, מען זעט ווי עס ווערט שוין מקוים ר׳ נתן׳ס ווערטער וואס ער האט געזאגט: "עס וועט קומען א צייט וואס התבודדות וועט ווערן א דרך כבושה לרבים, אזוי ווי היינט צו טאגס ווען עס איז א פשוט׳ע זאך אז יעדער איד טוט אן תפילין".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**ווען עלטערן שלאגן און שרייען אויף די קינדער, באקומען זיי א שנאה צו אידישקייט**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת נח, כ״ח תשרי, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס פאסירט ווען עלטערן שלאגן און שרייען אויף די קינדער; די קינדער באקומען א שנאה צו אידישקייט, זיי מיינען אז אן ערליכער איד איז א עקלדיגע זאך, דעריבער ווילן זיי נאר טון פארקערט פון נארמאל. זיי טוען זיך אן אומ׳צניעות׳דיג ווייל זיי מיינען אז צניעות איז א שלעכטע זאך וכו׳.

דו דארפסטו האבן אסאך סבלנות צו דיין ווייב תחי׳; זי איז זייער א ווארילע ערליכע פרוי נאר זי איז אויפגעוואקסן מיט קולות און פחדים, דעריבער געפונט זי זיך אין א מצב וואס מען קען איר נאך נישט אלעס זאגן וכו׳, מען דארף וויסן ווי אזוי צו רעדן וכו׳.

דיין ווייב האט נישט קיין צוטרוי אין דיר, זי מיינט כסדר אז דו גייסט שרייען אויף איר אזוי ווי איר טאטע, נאכדעם וואס זי איז אויפגעוואקסן מיט קולי קולות; דו זאלסט איר נאר מחזק זיין און אויפבויען, דורכדעם וועט זי באקומען צוטרוי (טראסט) אין דיר, זי וועט זען אז דו מאכסט נישט קיין קולות ווען עפעס גייט אנדערש ווי דו ווילסט, וועט זי צוביסליך אויסגעהיילט ווערן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**דער הארבקייט פון גניבה און גזילה און ווי ווייט מען דארף זיין געווארנט דערין; מיטן צאלן צייטליך שכר לימוד העלפט מען זיך אליינס; די וויכטיגקייט פון לייגן א פילטער אויף די טעכנעלאגישע כלים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת נח, כ״ט תשרי, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

די וואך זעט מען אין די פרשה דאס הארבקייט פון גנב׳נען; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין קח.): ״לֹא נֶחְתַּם גְּזַר דִּינָם אֶלָּא עַל הַגָּזֵל״, די גזירה פונעם מבול איז גע׳חתמ׳ט געווארן נאר ווייל מען האט גע׳גנב׳ט. חז״ל דערציילן (בראשית רבה לא, ו) אז זיי
~~~~~~~~~~~

האבן געגנב'ט מיט פשעטליך, דאס הייסט זיי האבן אויסגערעכנט עס זאל נישט הייסן קיין גניבה, זיי האבן געגנב'ט ווייניגער פון א שוה פרוטה, ביז דער אייבערשטער האט געברענגט דעם מבול.

דאס זעלבע דארפן מיר וויסן אז מען טאר נישט גנב'נען אפילו ווען עס איז דא פשעטליך און עס זעט נישט אויס ווי גניבה ממש; אז מען צאלט נישט קיין רענט איז מען א גנב. מוהרא"ש פלעגט אונז שטענדיג מזהיר זיין: "רענט קומט פאר אלעס", נישט דא אזא זאך מען זאל נישט צאלן רענט; רענט קומט פאר עסן און פאר קליידער, אלעס קען מען זיך שאפן אבער אז דו וועסט נישט צאלן קיין רענט וועסטו נישט האבן קיין דירה.

אין שלחן ערוך ווערט געפסק'נט (יורה דעה, סימן רנו) אז ווער עס האט נישט קיין געלט קען גיין קלייבן צדקה פאר זיך; עס איז נישט קיין בושה צו גיין נאך געלט, א בושה איז אז מען צאלט נישט קיין רענט, א בושה איז אז מען בארגט און מען באצאלט נישט, וואס דעמאלט ווערט מען אנגערופן א רשע, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם".

מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט אז מען קען צאלן צוביסלעך, צום ביישפיל, אז דו קומסט פארן פיש געשעפט טויזנט דאללער,ווארט נישט ביז ווען דו וועסט האבן טויזנט דאללער ווייל קיינער האט נישט קיין עקסטערע טויזנטער, אבער א פינפער האט מען יא, דעמאלט גיי אריין אין געשעפט און לייג אריין אויפן חשבון א פינפער, א צענער, א צוואנציגער - וויפיל דו האסט אין טאש. אז מען פאלגט א צדיק, מען צאלט צוביסלעך קומט אריין די ברכה און ביז א קורצע צייט מען קען אפצאלן אלע חובות.

דאס זעלבע איז מיט "שכר לימוד"; מען דארף צאלן 'שכר לימוד', אויב מען האט נישט קיין געלט קען מען ארויפגיין אויף די שטאטישע פראגראם פון "וואוטשערס" וואס זיי העלפן צאלן שכר לימוד; מענטשן מיינען אז שכר לימוד איז א נדבה זאך, מען קוקט דאס אן ווי געבן צדקה; אבער דאס איז אויסדריקליך נישט אזוי, שכר לימוד איז נישט קיין צדקה, שכר לימוד איז חוב פאר עלטערן צו צאלן, אויב מען צאלט דאס נישט איז עס גניבה וגזילה, חוץ פון דעם וואס בדרך כלל קענען מוסדות נישט באצאלן די מלמדים צייטליך ווייל די עלטערן מאכן זיך נישט וויסנדיג ווען מען בעט שכר לימוד.

ווער ליידט פון דעם? די קינדער; ווייל דער מלמד זיצט אין כתה און אנשטאט ער זאל זיין רואיג און וויסן ביי זיך אז ער גייט באקומען זיין געהאלט סוף וואך און ער גייט קענען דעקן זיינע הוצאות וכו' אזוי קען ער זיך אפגעבן מיט די קינדער אזוי ווי עס דארף צו זיין, אנשטאט דעם ווערט ער נעבעך נערוועז פון זיינע חובות און ער איז נישט

רואיג אין כתה; הייבט ער אן שרייען, און אסאך מאל קען זיך אפילו מאכן אז ער פארשעמט קינדער וכו'.

עלטערן דארפן טראכטן עצות: 'ווי אזוי קענען מיר מאכן אז דער מלמד פון אונזערע קינדער זאל זיצן רואיג אין כתה אן קיין דאגות און אן קיין חובות'; פאר אלעס אויף דער וועלט געבן מענטשן אויס געלט, פאר הבל הבלים; פארוואס זאל מען נישט געבן עפעס פאר די מלמדים וואס לערנען מיט די קינדער און ליידן פון די קינדער וכו'?! מאך זיך א חשבון: 'מה דאך די פאר שעה ווען די קינדער זענען אין שטוב שפירט א מענטש ווי זיי נעמען אים ארויס פון די כלים וכו', וואס זאל דער מלמד זאגן ווען ער זיצט א גאנצן טאג מיט דעם קינד, און נישט נאר מיט איין קינד נאר מיט דרייסיג קינדער'... עלטערן וואלטן ווען געדארפט טון אלעס אויף דער וועלט אז דער מלמד זאל האבן ישוב הדעת.

אויב מען האט נישט קיין געלט איז דאס נישט קיין תירוץ אויף נישט צו צאלן, ווייל ווי דערמאנט קען מען היינט מאכן "וואוטשערס"; עלטערן וואס צאלן נישט קיין שכר לימוד און מאכן נישט קיין וואוטשערס זענען נישט גערעכט. אפילו מען איז א בעל חוב איז נישט קיין תירוץ נישט צו צאלן; אז דו האסט חובות באצאל צוביסלעך, ווארט נישט ווען דו וועסט האבן די גאנצע סכום. אז מען צאלט נישט קיין רענט איז מען א גנב, און אז מען גנב'ט קומט נאכדעם א מבול אויפן מענטש.

טייערער ..., לייג א פילטער אויף דיין סעלפאון, אז מען האט א סעלפאון וכו' אן א פילטער קומט א מבול. דער מבול געקומען ווייל זיי האבן געזינדיגט אין די עבירה פון ניאוף, אזוי ווי עס שטייט (בראשית ו, יב): "כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ", אז מען טוט עבירות ווערט נאכדעם א מבול; בעט איך דיר זייער מיין טייערער ..., לייג א פילטער אויף דיין סעלפאון, מען טאר נישט האבן קיין סעלפאון וואס מען קען זען דארט גילוי עריות רחמנא לצלן, און אז מען האט א סעלפאון אן א פילטער פארלירט מען אלעס און עס קומט א מבול אויפן מענטש.

היינט נאכט וועט נישט פארקומען די וועכנטליכער שיעור, די וואך וועט דער שיעור זיין אם ירצה ה' דאנערשטאג נאכט; עס איז זייער וויכטיג דו זאלסט קומען צום שיעור כאטש איין מאל א וואך זיך מחי' זיין מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~

**עלטערן דארף זיין אויפ'ן זעלבן בלאט מיט די מוסדות פון די קינדער.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת נח, כ"ט תשרי, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך וויל דיר קלאר שטעלן וואס מיר האבן נעכטן גערעדט.

איך באהאלט מיר נישט פון קיינעם; אז איך טראכט פון זיך אוועק ציען וואוינען וכו' וועל איך דאס נישט טון בגניבה אן לאזן וויסן דערפון מיינע תלמידים. לעת עתה האב איך נישט קיין שום פלאן זיך אוועק צו ציען; בפרט אז איך האב אויפגעבויעט מוסדות מיט מסירת נפש דארפסטו אליינס פארשטיין אז איך גיי דאס נישט צעברעכן מיט מיינע אייגענע הענט.

עס עפנט זיך נישט קיין מוסדות אזוי גרינג ווי מען מיינט; איך האב געהאט זייער אסאך שוועריקייטן מיט די מוסדות, עס איז נישט שייך אראפ צו שרייבן וואס מיר זענען אריבער די צען יאר זינט מיר האבן געעפנט די ישיבה, די תלמוד תורה און נאכדעם דער בית חנוך לבנות בית פיגא.

געלויבט דעם אייבערשטן אז די מוסד וואקסט און בליט און וועט זיין א פעסטונג ביז משיח וועט קומען; דעם מוסד האט מוהרא"ש געעפנט און דאס פירט זיך געגוי ווי מוהרא"ש האט געוואלט, סיי ביי די אינגלעך, סיי ביי די מיידלעך און סיי ביי די בחורים.

איך דאנק דעם אייבערשטן וואס מיט די זאך האט מיר דער אייבערשטער געהאלפן, אז מיר האבן זייער א געטרייער מנהל הרב ר' ... נרו יאיר, א געטרייע מנהלת מרת ... תחי' און טייערע מלמדים און טיטשערס; יעדעס קינד ווערט דורך גערעדט מיטן מנהל און מנהלת.

מען קען נישט יעדן איינעם צופרידן שטעלן און דו פארשטייסט אליינס אז פירן א מוסד איז פון די שווערסטע זאכן אויף דער וועלט; ווען אלע וואלטן געטראכט איניג, ווען אלע וואלטן געהאט די זעלבע מיינונג, וואלט געוווען א מחי' צו פירן א מוסד, אבער דער אייבערשטער האט אנדערש באשאפן די וועלט, דער אייבערשטער האט געמאכט אז יעדער מענטש זאל טראכטן אנדערש, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות נח:): "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶן שׁוֹנוֹת, כָּךְ דֵעוֹתֵיהֶן שׁוֹנוֹת", אלע טראכטן אנדערש; ממילא דארף מען קענען יעדן איינעם אויסהערן און זען וואס מען קען בעסער מאכן וכו'.

דו דארפסט פארשטיין אז אלע עלטערן וואס שיקן ביי אונז אינעם מוסד האבן איטליכער פון זיי אנדערע מיינונגען, יעדער וויל א משהו אנדערש פונעם צווייטן וכו', יעדער האט איין זאך וואס ער פארשטייט נישט פארוואס מען דארף אזוי טון וכו'; אבער

מיט איין זאך האף איך אז מיר זענען פאראייניגט, מיר אלע ווילן אויפציען אונזערע קינדער מיטן אייבערשטן, אלע עלטערן זענען אייניג אז מיר ווילן אויפציען די קינדער מיט אמונה אין הייליגע צדיקים - בפרט אינעם הייליגן רבי'ן, אלע ווילן מיר אויפציען קינדער וואס זאלן זיין געזונט צו קענען חתונה האבן, קינדער וואס ווייסן זיך צו היטן פון נישט גוטע מעשים וואס פאסירן השם ישמרינו; די מלמדים רעדן צו די קינדער זיי זאלן זיין אפגעהיטן אין שמירת הברית (א זאך וואס ליידער רעדט מען נישט צו קינדער) די מנהלת רעדט צו די מיידלעך קלארע ווערטער וכו׳, זיי זאלן וויסן זיך צו היטן פון נישט גוטע מעשים און פון נישט געזונטע נאנטקייט וכו׳, דער אייבערשטער זאל אונז שומר ומציל זיין פון דעם.

איין זאך זאלסטו וויסן און איבער געבן פאר אלע דיינע חברים, אז מען שיקט קינדער אין א מוסד דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו צעמישן די קינדער; אז דאס קינד גייט אין חדר און הערט פונעם מלמד רעדן פון זייער רבי שליט״א און נאכדעם קומט דאס קינד אהיים און הערט ווי דער טאטע זאגט פאר די מאמע א וויץ אויף זייער מנהיג, קען שוין דאס קינד נישט אויסהערן וואס זיין מלמד לערנט פאר, דאס קינד בלייבט שטיין צעמישט: ווען ער זעט זיין טאטע טראכט ער פונעם מלמד וואס זאגט איין וועג, ווידעראום ווען ער זיצט אין חדר טראכט ער פון זיין טאטע וואס מאכט חוזק וכו׳, דאס איז ליידער די סיבה פארוואס קינדער פאלן אוועק.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~

**זיך אינטערעסירן ביי די מלמדים און טיטשערס פון די קינדער; אכטונג געבן אז די קינדער זאל נישט פארפעלן פון חדר און סקול בפרט אין די יארן ווען מען לערנט עברי; דער באדייט פון ׳חינוך׳; איבער די סדר היום פונעם נייעם זמן אין ישיבה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת נח, א׳ דראש חודש מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך וויל דיר מחזק זיין אז דו זאלסט זיך זען צו אינטערעסירן אויף דיינע קינדער ביי זייערע מלמדים און טיטשערס; עס איז נישט גענוג צו שיקן די קינדער אין חדר און אין סקול און מיט דעם יוצא זיין דאס מחנך זיין די קינדער, נאר עלטערן דארפן מיט האלטן וואס טוט זיך אין חדר און אין סקול; מיט וועם דאס קינד חבר׳ט זיך, צי דאס
~~~~~~~~~~

קינד האלט מיט די לימודים און העלפן די קינדער מצליח זיין די מערסטע וואס זיי קענען.

בפרט ווען דאס קינד איז אין די יאר פון לערנען עברי דארף מען זיין זייער פארזיכטיג ער זאל מיט האלטן יעדן טאג וואס מען לערנט אין חדר; די יאר וואס מען לערנט עברי איז דער וויכטיגסטער יאר פאר א קינד, אויב מען פארנאכלעסיגט די יאר וועט דאס קינד בלייבן חס ושלום א בעל מום אויף זיין גאנצע לעבן השם ישמרינו. ער וועט נישט קענען מיט האלטן די לימודים דורכאויס זיינע יארן אין חדר און אין ישיבה, זעלבסט פארשטענדליך אז אויב מען האלט נישט מיט דאס לערנען שטערט מען דעם מלמד און אז מען שטערט דעם מלמד שיקט דער מלמד ארויס דאס קינד פון כתה, און אז דאס קינד איז אינדרויסן פון כתה טרעפט מען זיך שלעכטע חברים וואס פירן אוועק פונעם גלייכן וועג; דאס אלעס הייבט זיך אן אז דאס קינד קען נישט קיין עברי.

אז מען האט קינדער וואס גייען אין חדר קען מען נישט אוועק פארן אויף שבתים וכדומה, ווייל קינדער טארן נישט פעלן פון חדר, אפילו פרייטאג און זונטאג. בפרט אז מען האט קליינע קינדער וואס לערנען עברי - למשל כתה א׳ אדער ב׳, דארף מען זיין זייער פארזיכטיג אז די קינדער זאלן נישט פארפעלן קיין איין טאג, ווייל אויב פעלן זיי אפילו איין טאג קען דאס זיי שאטן פארן לעבן. אפילו צו משפחה שמחות איז נישט כדאי צו נעמען די קינדער וואס לערנען ליינען עברי, ווייל אויב די קאפ איז נישט געהעריג וַואך קען דאס ביי זיי קאליע מאכן די גאנצע לימוד פון לערנען עברי. אין פאל א קינד שפירט זיך חס ושלום נישט גוט און ער קען נישט קומען אין חדר איז זייער וויכטיג מען זאל זיך פארבינדן מיטן מלמד כדי מען זאל וויסן וואס צו טון אז דאס קינד זאל נישט ארויס פאלן און בלייבן אונטערשטעליג.

לכאורה וואלט געדארפט זיין ביי עלטערן א דבר פשוט צו וויסן און פארשטיין אז מען דארף זיין זייער פארזיכטיג מיט די חינוך פון די קינדער; עס וואלט געדארפט זיין איבעריג צו שרייבן איבער דעם נושא, אבער איך מוז שרייב פון דעם ווייל איך זע אז נישט אלע עלטערן מאכן זיך וויסנדיג און נישט אלע עלטערן כאפן וואסערע אחריות זיי האבן ווען די קינדער גייען אין חדר אז די קינדער זאלן קומען יעדן טאג און מיט האלטן די לימודים.

קינדער דארפן גיין אין חדר יעדן טאג; מען קען נישט פרעגן די קינדער אינדערפרי צי זיי ווילן גיין אין חדר, אח און ווי פאר די עלטערן וואס געבן פאר קינדער די ברירה אליינס צו מחליט זיין וואס זיי ווילן, ווי פאר די עלטערן וואס זענען נישט מחנך זייערע קינדער אין זייערע יונגע יארן, די קינדער וועלן חס ושלום ארויס גיין לתרבות רעה.

עס זענען דא עלטערן וואס האבן געכאפט אסאך פעטש ווען זיי זענען געווען קינדער און דאס מאכט זיי טראכטן אז מען טאר נישט זאגן פאר קינדער וואס צו טון מטוב ועד רע ווייל זיי ווילן נישט נאכמאכן זייערע עלטערן וכו'; אמת, מען טאר נישט געבן קיין שלעק פאר קינדער, מען דארף האבן אסאך סבלנות ווען מען ציט אויף קינדער; פעטש העלפט נישט פאר חינוך, עס איז נאר א געציייג אויס צו געבן די כעס השם ישמרינו, אבער מען דארף וויסן אז עס איז דא א מיטל וועג; לאזן די קינדער טון וואס זיי ווילן דאס איז די זעלבע רציחה ווי זיי שלאגן.

פאר קינדער דארף מען זאגן וואס צו טון, מען קען נישט געבן פאר א קינד די ברירה ער זאל בוחר זיין צי ער וויל דינען דעם אייבערשטן אדער חס ושלום נישט, מיר דארפן מחנך זיין די קינדער זיי זאלן לערנען, דאווענען און טון מצוות ומעשים טובים. אז מען וועט פרעגן א קינד אויב ער וויל דאווענען אדער שפילן וועלן אלע בוחר זיין אין שפילן, אז מען וועט פרעגן א קינד וואס ער וויל עסן פאר נאכטמאל פלייש אדער נאש וועלן אלע זאגן נאש, אז מען וועט פרעגן א קינד צו ער וויל שוין אהיים קומען שלאפן אדער אויפבלייבן שפילן ביז אין די נאכט אריין, וועלן אלע זאגן אויפבלייבן, דעריבער איז נישט שייך צו פרעגן די קינדער וואס זיי ווילן, נאר מען דארף זיי זאגן וואס צו טון. א קינד דארף מען מחנך זיין, מען פרעגט נישט א קינד וואס ער וויל, מען דארף זיי זאגן וואס צו טון.

אונזער מוסד איז ביי מיר די חשוב'סטע זאך; איך האלט מיט יעדע איינציגסטע קינד ווי ער האלט און וויפיל ער לערנט - סיי ביי די אינגלעך און סיי ביי די מיידלעך, יעדע מלמד און יעדע טיטשער, אבער אז די עלטערן מאכן זיך נישט וויסנדיג איז דאס א פשיעה, חינוך הבנים והבנות דארף זיין די וויכטיגסטע זאך ביי א מענטש.

איך דארף אריין לויפן צו די בחורים; מיר האבן אנגעהויבן די וואך א פרישע זמן מיט אסאך פרישע תלמידים - געלויבט דעם אייבערשטן. מיר לערנען אין איין טאג מיט די בחורים מער ווי א דורכשניטליכער בחור לערנט דורכאויס א גאנצע זמן אין זיין ישיבה, אינדערפרי איז דא א שיעור אין גמרא - א בלאט בבלי און א בלאט ירושלמי, דאס קומט פאר יעדן איינציגסטן טאג, ביי אונז איז נישט דא קיין תירוצים: 'היינט איז דא א חתונה', מארגן אן אנדערע תירוץ, נאר דער דף שיעור שניידט יעדן טאג. די וואך דאנערשטאג גייען מיר מסיים זיין ירושלמי מסכת ברכות און פרייטאג הייבן מיר אם ירצה ה' אן מסכת פאה.

פארמיטאג לערנען מיר מסכת תענית, מיר גייען יעצט מסיים זיין די מסכתא, און דערנאך וועלן מיר נעמען א נייעם מסכתא.

נאכמיטאג איז באשטימט געווארן א נייע שיעור אין הלכה פאר בחורים וואס ווילן לערנען אין די זייטיגע צייט הלכות שבת; נאכדעם פארנאכטס איז דא דער שיעור התחזקות, מיר האבן אנגעהויבן לערנען די מעשה פונעם פארלוירענעם בת מלך (סיפורי מעשיות, מעשה א).

דעריבער קען איך יעצט נישט מאריך זיין ווייל די בחורים ווארטן אויף מיר און זיי זענען ביי מיר חשוב'ער פון אלעס אויף דער וועלט, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית ז.): "וּמִתַּלְמִידַי יוֹתֵר מִכֻּלָּן".

איך וועל דיר נאך שרייבן מער באריכות איבער דעם נושא, ווייל חינוך איז פון די עבודות הקשות פון א איד.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך שטארקן מיט אלע כוחות און קיינמאל נישט צוריק גיין.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נח, ב' דראש חודש מר-חשון, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

טייערער ברודער, אויף די וועלט פרובירט מען אויס יעדן איינעם מיט שווערע נסיונות - אלעס נאר ווייל מען וויל זען צו וועם מען זיך ווענדן ווען מען האט א צרה; צי דער מענטש וועט ארויס זאגן פון מויל א ווארט צום אייבערשטן, צי ער וועט שרייען 'טאטע!'

דערפאר בעט איך דיר זייער, שטארק דיר מיט אלע דיינע כוחות נישט אראפ צו פאלן ווען עס גייט אויף דיר אריבער שוועריקייטן; זאג ארויס א ווארט צום אייבערשטן: "רבונו של עולם, האב רחמנות אויף מיר! העלף מיר איך זאל האבן אמונה אין דיר, איך זאל גלייבן אז גארנישט פאסירט נישט פון זיך אליינס נאר אלעס וואס גייט אריבער אויף מיר איז מיט א פונקטליכער חשבון".

דער הייליגער רבי האט אמאל פארציילט א מעשה אז א קעניג איז געגאנגען אין וואלד - אין באגלייטונג פון באדינער און מיניסטארן - כאפן א הערש, אינמיטן האט מען געזען ווי עס קומען צו גיין שווארצע וואלקענעס אנדייטנדיג אז עס גייט אנפאלן א שלאקס רעגן. די מענטשן וואס זענען מיטגעגאנגען מיטן קעניג האבן אנגעהויבן קווענקלען צי מען זאל ממשיך זיין מיטן פאנגען צי נישט, האט דער קעניג געזאגט:
~~~~~~~~~~~

"איך מוז כאפן דעם הערש, ווער עס וויל קען צוריקגיין"; האט דער רבי אויסגעפירט די מעשה און געזאגט: "איך מוז כאפן דעם הערש, ווער עס וויל קען צוריקגיין".

דאס זאג איך אויך: "איך גיי נישט צוריק, איך בלייב מיט מוהרא"ש ווי לאנג איך לעב און איך וועל פרובירן צו העלפן כאפן דעם הערש"; מוהרא"ש זאגט: "וואס באדייט דער הערש וואס דער רבי וויל כאפן? נאר 'צבי' באטרעפט 102, און 'אמונה' איז אויך 102, דער רבי וויל אריין ברענגען אמונה אין די גאנצע וועלט אז עס זאל שוין מקוים ווערן לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַּי"; בעט איך דיר אויך מיין טייערער ברודער שטארק דיר און לאמיר העלפן דעם רבי'ן כאפן דעם הערש, לאמיר פארשפרייטן די אמונה פאר די גאנצע וועלט.

היינט נאכט קומט אם ירצה ה' פאר א פרויען צוזאמקום; זע צו בלייבן אין שטוב אז דיין ווייב זאל זיך קענען קומען מחזק זיין מיט די חיזוק פון הייליגן רבי'ן. א פרוי דארף מער חיזוק פונעם מאן; זי איז א גאנצן טאג מיט די קינדער, זי האט נישט קיין מנחה מעריב יעדן טאג וואו זי קען זיך ארויס גליטשן פון שטוב און זיך אויסלופטערן וכו', דעריבער זאלסטו זען צו בלייבן אין שטוב אז זי זאל קענען קומען.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**דורכגיין אלע ספרים - ווי אזוי צו פירן א בית המדרש היכל הקודש.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נח, ב' דראש חודש מר-חשון, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו האסט מיר ממש מחי' געווען מיט דיין בריוו וואו דו שרייבסט אלע דיינע סיומים, צווישן זיי אז דו האסט פאר יאר מסיים געווען חמשה חומשי תורה מיט רש"י און אור החיים הקדוש, און דאס יאר האסטו אנגעהויבן צו לערנען וועכנטליך דעם פירוש "כלי יקר".

דו פירסט זיך ווי א תלמיד 'היכל הקודש'; געווי אזוי האט אונז מוהרא"ש געלערנט, מען זאל נעמען יעדעס יאר אן אנדערן פירוש, אזוי קען מען זוכה זיין צו מקיים זיין די ווערטער פונעם הייליגן רבי'ן וואס האט אונז געזאגט (שיחות הר"ן, סימן כח): "רָאוּי לָאָדָם, שֶׁיַּעֲבֹר וְיֵלֵךְ בְּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כֻּלָּם, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם", עס איז גוט פארן מענטש דורך צו לערנען יעדן ספר וואס איז דא, כדי מען
~~~~~~~~~~

זאל קענען זאגן אז מען איז געווען אין יעדן פלאץ, "כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים, שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת", אזוי ווי מען זעט ביי די גרויסע שרים וואס פארן ארום די גאנצע וועלט, זיי געבן אויס אויף דעם זייער אסאך געלט, אלץ נאר כדי זיי זאלן זיך קענען נאכדעם בארימען פאר אלעמען וואו זיי זענען אלץ געווען, "כְּמוֹ שֶׁדֶּרֶךְ הַשָּׂרִים לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר: 'הָיִיתִי בְּוַרְשָׁא' וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה", אזוי ווי די גרויסע שרים האלטן זיך גרויס "איך בין געווען אין ווארשא" און נאך, "כְּמוֹ כֵן רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְּהַיְנוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים כַּנַּ"ל", דאס זעלבע דארף א מענטש לערנען אלע ספרים אז ער זאל זיך קענען בארימען אויף יענע וועלט: "איך האב אלעס געלערנט, איך בין געווען איבעראל"; "וּלְעָתִיד, בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶּׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה", און אויף יענע וועלט דערמאנט מען פארן מענטש אלעס וואס ער האט געלערנט אויף דער וועלט.

מוהרא"ש פלעגט אסאך מאנען און פארלאנגען פון תלמידי היכל הקודש מען זאל מקיים זיין דעם שיחה, מען זאל כאטש איין מאל אין לעבן ענדיגן חמשה חומשי תורה מיט אלע פירושים. מען זאל נעמען יעדעס יאר אן אנדערן פירוש, אדער אפילו אז מען קען נישט ענדיגן דעם גאנצען פירוש יעדע וואך זאל מען זיך אנצייכענען א סימן ביי יעדע שטיקל וואס מען לערענט, אזוי וועט מען במשך השנים אלעס קענען מסיים זיין.

שטארק דיר און זיי ווייטער ממשיך צו מחזק זיין אנשי שלומינו; אשריך ואשרי חלקיך אז דו ביסט זוכה צו זיין א שמש ביים רבי'ן, יעדן טאג וואס מיר זענען משמש דעם רבי'ן איז דאס פאר אונז א זכיה לנצח נצחים.

פארלערנען אין רבינ'ס בית המדרש איז נישט קיין כיבוד - אזוי אויך דאווענען פארן עמוד; אז עס קומט א גאסט זאלסטו אים מכבד זיין מיט אן עליה לתורה, אבער דאווענען פארן עמוד איז א גרויסער אחריות, מען קען נישט מטריח זיין דעם ציבור וכו'. זאלסט שטעלן קביעות'דיגע בעלי תפילה וואס דאווענען נישט שנעל און אויך נישט שטייט אז מענטשן זאלן דאווענען מיט א חיות און געשמאק.

דאס זעלבע איז מיט פארלערנען ביי שלש סעודות; דאס איז נישט קיין כיבוד, עס איז א גרויסער אחריות, ווייל די אלע וואס קומען אין רבינ'ס שול זענען צעבראכן אויף שברי שברים, זיי ווארטן א גאנצע וואך צו הערן אביסעלע חיזוק, זיי דארפן נישט קיין תורות און רמזים אויף די פרשה, זיי ווארטן צו הערן פשוט'ע דיבורים; דעריבער זאלסטו קיינעם נישט מכבד זיין מיט פארלערנען, דאס זעלבע מיטן דאווענען פארן עמוד.

דאס זעלבע איז מיט הגבהת התורה; דאס איז נישט קיין כיבוד. נישט יעדער ווייסט ווי אזוי מען הייבט אויף דעם ספר תורה און עס קען ארויס קומען א בזיון פאר די תורה, קוק וואס דער רמב״ן זאגט אויפן פסוק (דברים כז, כו): ״אָרוּר אֲשֶׁר לֹא יָקִים אֶת דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת לַעֲשׂוֹת אוֹתָם וְאָמַר כָּל הָעָם אָמֵן״, דאס גייט ארויף אויף דער וואס גייט הגבהה מיט די תורה נישט ווי עס דארף צו זיין; דעריבער זאלסטו געבן פאר א קביעות׳דיגע מענטש, איינער וואס איז א בעל כח און ווייסט ווי אזוי צו מכבד זיין די תורה.

שטארק דיר ביתר שאת וביתר עוז, ויהי חלקי עמך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**איך קען נישט יעצט פארן קיין ארץ ישראל.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נח, ב׳ דראש חודש מר-חשון, שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

גלייב מיר, איך וויל אסאך מער ווי דיר גיין קיין ארץ ישראל; איך בענק און גליסט צו זיין אין ארץ ישראל און זוכה זיין צו אמונה, אריכות אפים, קדושת הברית און צו אלע מדריגות וואס דער רבי שרייבט וואס מען איז זוכה ווען מען איז אין ארץ ישראל (עיין ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן קנה; ועוד). אויך בענק איך זייער צו מוהרא״ש׳ס ציון, איך וויל זייער שטארק אהין גיין מתפלל זיין.

באמת האב איך געהאט בדעה צו פארן יעצט קיין ארץ ישראל, אבער איך קען נישט אוועק גיין פון די ישיבה. מוהרא״ש האט מיר געגעבן א שליחות צו לערנען מיט בחורים, יעצט זענען מיר אריין אין א נייע יאר, די עלפטע יאר פון ישיבה; עס זענען אריין געקומען אסאך נייע תלמידים און איך קען זיי יעצט נישט איבער לאזן.

טייערער ... נרו יאיר, דו וואוינסט דאך נעבן ״מערת אליהו״, דארט האבן מיר זיך געטראפן דאס ערשטע מאל פאר דריי יאר צוריק ווען איך בין געפארן קיין חיפה מיט די בחורים זיי ווייזן דעם הייל וואו אליהו הנביא האט זיך באהאלטן פון די עובדי הבעל אינעם הר הכרמל, דארט האט ער אויס געשריגן פאר אלע געצן דינער (מלאכים א יח, לט): ״ה׳ הוא האלקים!״ דארפסטו זיך שטארקן מיטן רעדן צום אייבערשטן; דאס האט אונז דער הייליגער רבי אויסגעלערנט, אז א מענטש האט קיינעם נישט אויף דער וועלט נאר
~~~~~~~~~~

דעם אייבערשטן; ווי מער מען געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן ווערט מען מער און מער אויסגעלייטערט.

זיי מתפלל אז איך זאל זוכה זיין צו קומען בקרוב קיין ארץ ישראל.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**אנטלויפן - נאר צו די תורה; איבער די וועכנטליכע שיעור; ארויסהעלפן די ישיבה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת נח, ב׳ מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

טייערער ברודער, וויסן זאלסטו אז אויף יעדן איינעם גייט אריבער שוועריקייטן; טראכט נישט קיין איין מינוט אז א צווייטער האט א בעסערער לעבן פון דיר, יענער מוטשעט זיך טאקע נישט מיט וואס דו מוטשעסט זיך, אבער ער האט אנדערע זאכן וואס מוטשען אים; הכלל, עס איז נישט פאראן קיין איין מענטש בזה העולם וואס מוטשעט זיך נישט.

מען האט אמאל געשמועסט מיטן רבי׳ן פון מענטשן וואס האבן עולם הזה, האט דער רבי געזאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן קיט): אפשר איז דא אויבן אין הימל א וועלט וואס הייסט ׳עולם הזה׳, ווייל דא איז נישט דא קיין עולם הזה, נאר דא איז דער גיהנום אליינס, ווייל יעדער איינער איז פול מיט יסורים; נאר איין עצה איז דא אנטלויפן צום אייבערשטן.

אז דו זוכסט וואו צו אנטלויפן פון דיין שווערע צרה איז דא איין פלאץ וואו מען קען אנטלויפן - נאר צו די הייליגע תורה; אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק ו): ״אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ״, אויב דו זעעסט אז עס קומען אויף דיר צרות און יסורים, אנטלויף צו די הייליגע תורה וועסטו ווערן געראטעוועט; דער רבי האט אונז געגעבן א שיינע זיסע וועג ווי אזוי יעדער איינער קען זוכה זיין צו לערנען די הייליגע תורה, אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט זאל מען זאגן די ווערטער פון די תורה (כמבואר בשיחות הר״ן, סימן עו).

היינט זענען מיר מסיים תלמוד ירושלמי מסכת ברכות; אז מען לערנט אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן איז מען זוכה צו לערנען אלע חלקים פון די תורה. די
~~~~~~~~~~

תורה איז דער בעסטער פלאץ וואו מען קען זיך באשיצן פון דעם יצר הרע; כאפ זיך מיט און הייב אן לערנען אויפן סדר דרך הלימוד פון רבי'ן, דאס וועט דיר פרייליך מאכן און געבן שכל ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן אין לעבן.

היינט נאכט וועט אם ירצה ה' פארקומען דער וועכנטליכער שיעור; עס איז מיר נישט גרינג צו געבן דעם שיעור ווען איך האלט נאך א טאג ארבעט פון אינדערפרי ביז אויף דער נאכט, איך געב א גאנצן טאג שיעורים - אינדערפרי איז דא א שיעור אין בבלי יעדן טאג א בלאט, נאכדעם א בלאט ירושלמי; פארמיטאג איז דא נאך א שיעור אין גמרא והלכה און נאכמיטאג קומט פאר א שיעור אין רבינ'ס ספרים, דאס איז אין א געוועגליכע טאג. אבער איך האלט אן מיין שליחות וואס מוהרא"ש האט מיר געהייסן איך זאל מחזק זיין איין מאל א וואך אלע תלמידים וואס האבן שוין חתונה געהאט; מוהרא"ש האט מיר כמה פעמים געזאגט: איך זע אן א חילוק אויף די אינגעלייט וועם דו האסט געלערנט ווי אזוי צו לעבן מיט די ווייב וכו'; זיי זענען פרייליך און גייען ארום מיט א ליכטיגן פנים"; דעריבער וויל איך דיר זען ביים שיעור.

העלף מיר ארויס מיט די שווערע הוצאות פון די ישיבה; על כל פנים דיין מעשר ברענג פאר די ישיבה וואס האט דיר געהאלפן. נעם א חלק אין אויפהאלטן אזא מקום קדוש, רוף אן האברך ... נרו יאיר מיט האברך ... נרו יאיר און געב זיי דיין מעשר מיט דיינע צדקות, דורכדעם וועסטו האבן א חלק אין אלע תורה ותפילה וואס קומט ארויס פון דעם פלאץ.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**אז א גוי לאקערט אויף דיין טאכטער, דארפסטו רופן פאליציי.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת נח, ב' מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

אז אייער טאכטער פארציילט אייך אז א גוי לאקערט אויף איר; יעדן טאג ווען זי גייט אהיים פון סקול ווארט ער איר אפ אינדרויסן פון גראסערי און רעדט מיט איר דאן זאלט איר שוין רופן די פאליציי און מאכן אן 'ארדער אויף פראטעקשן'. אז איר וועט נישט טון דערוועגן וועט איר פארלירן אייער טאכטער.

עס איז נישט גענוג אפ צו ווארטן דעם גוי און אים געבן א פסק; זייטס מיר מוחל איר זענט צו נאאיוו.
~~~~~~~~~~

איך האף איר וועט אזוי טון, וועט איר האבן ערליכע דורות.

...

~~~~~~~~~~~

**די אחדות אין ליבשאפט ביי אנשי שלומינו; זיך נישט מישן אין מחלוקת און פאליטיק.**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת נח, ג׳ מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

מיר דארפן שטענדיג געדענקען דעם מאמר הזוהר וואס מוהרא״ש פלעגט מיט אונז שטענדיג חזר׳ן; עס שטייט אין זוהר הקדוש (נשא קכח.) רבי שמעון בן יוחאי האט געזאגט פאר זיינע תלמידים: ״אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא״, אונזער זאך איז אז מיר האבן זיך ליב איינער דעם צווייטן; רבי שמעון בן יוחאי האט אריין געברענגט אין זיינע תלמידים אז מען זאל זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן, פלעגט מוהרא״ש זאגן אויף דעם א שיינעם רמז: א׳נ׳ן׳ איז די ראשי תיבות: ״אַ׳נְשֵׁי נַ׳חַל נ׳וֹבֵעַ - בַּחֲבִיבוּתָא תַלְיָא״, אנשי שלומינו דארפן זיך האלטן צוזאמען און זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן.

מיר דארפן מקיים זיין וואס דער הייליגער רבי זאגט (חיי מוהרן, סימן רצב): ״הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ״, די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די גרויסע ליבשאפט וואס וועט הערשן צווישן אייך; דאס איז וואס מוהרא״ש פלעגט שטענדיג חזר׳ן און זיך בעטן ביי אונז, מיר זאלן זיך נישט קריגן און נישט אוועק מאכן א צווייטן.

מען ווערט נישט גרעסער ווען מען שפעט פון א צווייטן און מען ווערט נישט מער ווען מען מאכט יענעם אוועק; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה יד:): ״כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא שְׁנֵי מִקְרָאוֹת, אֶחָד מְקַיֵּים עַצְמוֹ וּמְקַיֵּם דִּבְרֵי חֲבֵירוֹ וְאֶחָד מְקַיֵּים עַצְמוֹ וּמְבַטֵּל דִּבְרֵי חֲבֵירוֹ, מַנִּיחִין אֶת שֶׁמְּקַיֵּם עַצְמוֹ וּמְבַטֵּל חֲבֵירוֹ, וְתוֹפְסִין אֶת שֶׁמְּקַיֵּם עַצְמוֹ וּמְקַיֵּם חֲבֵירוֹ״; אז איינער דערהאלט זיך און ער איז אויך מחזק אנדערע, אזא איינער האט הצלחה, ווידעראום אז איינער זוכט נאר ווי ער קען יענעם אוועק מאכן און מבטל זיין - דער ווערט בטל.

איך בעט דעם אייבערשטן אז אין אונזערע ד׳ אמות - ביי תלמידי היכל הקודש - זאל מען זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן; מען ווערט נישט גרויס ווען מען לאכט פון א צווייטן און מען ווערט נישט חשוב ווען מען שפעט פון א צווייטן, שלמה המלך זאגט (משלי כו, יח): ״כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיֹּרֶה זִקִּים חִצִּים וָמָוֶת״, אזוי ווי איינער שיסט פיילן אויף א
~~~~~~~~~~~

צווייטן יענעם צו הרג׳נען, ״כֵּן אִישׁ רִמָּה אֶת רֵעֵהוּ וְאָמַר הֲלֹא מְשַׂחֵק אָנִי״, אזוי אויך איז דער וואס שפעט פון זיין חבר און ווען דער חבר זעט אז יענער מאכט חוזק פון אים, זאגט ער אים ״הֲלֹא מְשַׂחֵק אָנִי״, איך מיין דאס נישט ערנסט, איך מאך נאר א וויץ... אבער למעשה איז יענעמס בלוט פארגאסן געווארן.

א פרייליכער מענטש מאכט פרייליך א צווייטן און א ריינער מענטש רעדט שיין צו א צווייטן און פירט זיך שיין צו א צווייטן; וואס דו האסט נישט ליב מען זאל טון פאר דיר זאלסטו נישט טון פאר דיין חבר - זה כלל גדול בתורה (ירושלמי נדרים ט, ד; שבת לא.); אין שטוב רעדט מען שיין צו די ווייב און קינדער און אזוי אויך צו חברים; מען געבט יעדן איינעם א גוט ווארט.

שטארק דיר, און געדענק אז ביים אייבערשטן איז אלעס מעגליך, אזוי ווי דער הייליגער תם פלעגט זאגן (סיפורי מעשיות מעשה ט): ״ביים אייבערשטן איז אלעס שייך״.

א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## איך שטארק זיך ב״ה אין לימוד התורה.

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב נישט קיין ווערטער צו דאנקען דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו זיין דעם ראש השנה אין אומאן ביים ראש ישיבה שליט"א, דאס איז געווען עפעס גאר געוואלדיג, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

איך דאנק דעם אייבערשטן, איך דאנק דעם רבי'ן, איך דאנק מוהרא"ש, און איך דאנק דעם ראש ישיבה שליט"א אז אין אייער זכות האב איך זוכה געווען צו ענדיגן דעם פריערדיגן שבת צום ערשטן מאל דעם גאנצן ספר הזוהר, נאכ'ן זיך פלאגן דערויף די לעצטע איין און א האלב יאר, אויך האב איך לעצטנס געענדיגט די צענטע מאל משניות, עטליכע ספרים פון נ"ך, ספר סידורו של שבת חלק א', די צווייטע מאל ספר המדות, און נאך פילע גוטע זאכן.

איך בין זיך ממש מחיה מיט די דרשות און ניגונים פונעם ראש ישיבה שליט"א, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן, נאר דער אייבערשטער קען אייך באצאלן.

א גרויסן יישר כח, יהושע

### תשובה:

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נח, ב׳ דראש חודש מר-חשון, שנת תשע״ט לפ״ק**

**לכבוד יהושע נרו יאיר.**

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

איך פריי מיך זייער צו הערן אז דו ביסט זיך מחי׳ מיטן הייליגן רבי׳ן עצות; דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שיד): ״הַפָּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד״, דעם קלענסטער פון מיינע מענטשן פיר איך אויפן וועג פון גרויסע צדיקים; נאך האט דער רבי געזאגט (שם, סימן שלב): ״אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים״, איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע שמוציגע פלעקן; דאס קען יעדער איינער מעיד זיין אויף זיך, אז פון ווען מען האט זוכה געווען צו טרעפן דעם רבי׳ן האט זיך דער גאנצער לעבן געטוישט; מען לערנט פלייסיג, מען איז נזהר אין קיום המצוות, מען רעדט צום אייבערשטן יעדן טאג און מען לעבט מיט אים.

אשריך ואשרי חלקך אז דו לערנסט אזוי פלייסיג די הייליגע תורה אויפן סדר דרך הלימוד; דו האסט מיר ממש מחי׳ געווען מיט דיין בריוו וואו דו שרייבסט מיר דיינע סיומים.

שטארק דיר ווייטער בלימוד התורה; עס איז נישט דא נאך א זאך וואס זאל מאכן פרייליך דעם מענטש און אים מאכן צופרידן - ווי לערנען תורה. דער רבי האט אמאל געזאגט פאר איינעם (עיין שיחות הר"ן, סימן יז): "איינמאל די תורה וועט דיר ווייזן איר פנים, וועסטו שוין גארנישט דארפן"; ווען א מענטש איז זוכה צו לערנען שיעורים כסדרן על פי סדר דרך הלימוד פון רבי'ן דארף ער שוין נישט גארנישט; ער שפירט א צופרידנקייט אין לעבן און ער לעבט א פרייליכע לעבן, ווען ער האט אפאר איבעריגע מינוט נעמט ער א משניות, א גמרא וכו' און איז גורס פרקים משניות און דפים גמרא.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**דער אלבוים "קום צוריק" האט מיר ארויסגעשלעפט פון תאוות ממון.**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך מוז זיך הארציג באדאנקען פאר אלעס, ובפרט פאר די ניגונים און די אלבוים'ס פון "טאנץ מיט אמונה", און ספעציעל פאר די נייע אלבוים "קום צוריק", פון וואס איך האב געשעפט פיל חיזוק.

אלע ניגונים זענען זייער באלערנט, פאר מיר פערזענליך האט אבער געהאט די גרעסטע השפעה דער אכטער ניגון "דעם לעצטן טאג", וואס רעדט זיך איבער די מיאוס'קייט פון געלט און עשירות וכו'.

תאוות ממון איז געווען א שטארקער טייל אין מיין לעבן, שוין אפילו נאכדעם וואס איך האב שוין געהערט פילע דרשות און זיך באקענט מיט היכל הקודש, האב איך זיך זייער געמוטשעט מיט דעם, און דאס האט מיר זייער געקרענקט, און איך מוז זאגן אז דער ניגון האט מיר ממש ארויסגעשלעפט פון מיין בלאטע.

דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן איר זאלט זיין געזונט און שטארק, און זען פיל אידיש נחת פון אייערע קינדער און תלמידים.

א גרויסן יישר כח, זאב

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נח, ב' דראש חודש מר-חשון, שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד זאב נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר זענען מקורב צום הייליגן רבי'ן און מיר זענען פון דעם בעל תפילה'ס לייט, וואס ער חזר'ט מיט אונז די הייליגע לויטערע אמונה אז געלט
~~~~~~~~~~~

איז גאר קיין תכלית נישט, געלט העלפט נישט און קען ניטאמאל העלפן, אדרבה, דורך געלט האט מען א מפלה.

ווער עס האט נאר אביסל טועם געווען דעם הייליגן רבי'ן - דער טראכט שוין נישט פון געלט; ער לויפט נישט נאך קיין מענטשן וואס האבן געלט און זיכער רעדט ער נישט אזוי פיל פון געלט.

דער רבי האט דערציילט אין די מעשה פונעם בעל תפילה (סיפורי מעשיות, מעשה יב) אז די תאוה פון געלט איז נאך ערגער פון אלע תאוות. אזוי ווי דער גיבור האט געזאגט פארן בעל תפילה: "איך האב געהערט פונעם קעניג אז פון אלע תאוות קען מען ארויס נעמען דעם מענטש חוץ א מענטש וואס איז אריין געפאלן אין תאוות ממון", אזוי אויך האט דער בעל תפילה געזאגט: "נאך אלץ ווילט איר געלט? פון געלט זאלט איר מיט מיר נישט שמועסן".

מוהרא"ש זאגט (נהרי אפרסמון, עמוד תקי): וּצְרִיכִים לְשַׁנֵּן דָּבָר זֶה הַרְבֵּה מְאֹד "שֶׁעֲשִׁירִים הֵם מְשֻׁגָּעִים וּמְטֹרָפִים", מען דארף שטענדיג חזר'ן אז אלע עשירים זענען משוגעים און מטורפים, "וּמִי שֶׁחוֹנֵף אוֹתָם מַרְאֶה שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל", און ווער עס חנפ'ט זיי ווייזט אז ער האט בכלל נישט קיין אמונה.

עס איז כדאי צו פארן קיין יבניאל און גיין קוקן דעם בית המדרש וואס מוהרא"ש האט געבויט; מוהרא"ש האט געשריבן אויפן טיר פונעם בית המדרש די פאלגענדע ווערטער: "הַבַּעַל תְּפִילָּה אָמַר: עֲדַיִן אַתֶּם רוֹצִים מָמוֹן? מִמָּמוֹן לֹא תְּדַבְּרוּ כְּלָל", אין אידיש: "דער בעל תפילה האט געזאגט: נאך אלץ ווילט איר געלט? פון געלט זאלט איר מיט מיר נישט שמועסן"; ווען איך גיי קיין יבניאל גיי איך קוקן דעם טאוול, דאס ברענגט אין מיר אריין א שטארקע התעוררות, זעענדיג ווי שטארק מוהרא"ש האט געוואלט מיר זאלן לעבן מיטן אייבערשטן און ווי שטארק מוהרא"ש האט גענומען דעם רבינ'ס ווערטער בתמימות ובפשיטות אן קיין חכמות און אן קיין דריידלעך.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

## ווּעלכע ברסלב׳ע ספרים זאל איך קודם לערנען?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב ב"ה זוכה געווען צו ענדיגן ששה סדרי משנה די זעקסטע מאל, און אנגעהויבן די זיבעטע מאל, כל השביעין חביבין, און איך האף צו פארן צו מוהרא"ש'ס ציון לכבוד דעם סיום, אזוי איך האב שוין געטון די לעצטע צוויי מאל.

אויך האב איך געענדיגט דעם ספר "חיי מוהר"ן" צו די יארצייט פון הייליגן רבי'ן דעם פארגאנגענעם חול המועד, און איך האב שוין אנגעהויבן לערנען יעצט "שיחות הר"ן", אזוי ווי איך האב פארשטאנען פון די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א אז מ'זאל קודם לערנען די גרינגערע ספרים פון רבי'ן, איידער מ'הויבט אן לערנען ליקוטי מוהר"ן.

דעריבער האב איך געוואלט פרעגן וועלכע ספר איך זאל לערנען נאך שיחות הר"ן, זאל איך לערנען ספר המדות און ספורי מעשיות, אדער זאל איך שוין גלייך גיין צו ליקוטי מוהר"ן? גראדע האט מיר זייער שטארק געכאפט דער ספר שיחות הר"ן, איך שפיר ווי דאס רעדט זייער צו מיין הארץ.

ווי אויך לערן איך יעצט דעם ספר "אוצר האמונה" פון מוהרא"ש זי"ע, נאכדעם וואס איך האב שוין דורכגעלערנט דעם ספר "ארך אפים". איך האב אבער פארשטאנען פון די דרשות אז ס'גוט צו לערנען די ספרים "אשר בנחל", איך ווייס אבער נישט וועלכע חלקים צו לערנען, ס'דא אזויפיל חלקים אז ס'איז ממש ווי מים שאין להם סוף.

א גרויסן יישר כח פאר אלעס.

### תשובה:

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת נח, ב׳ מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו לערנסט פלייסיג די הייליגע תורה אויפן סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי׳ן און דו האסט שוין מסיים געווען ששה סדרי משנה זעקס מאל.

ווען מענטשן וואלטן ווען געוויסט די געוואלדיגע מעלות פון לימוד משניות וואלטן אלע געלערנט משניות. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה, פרשה ז): ״אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת״, די גאולה וועט קומען בזכות לימוד משניות; דאס איז בכלליות און אזוי אויך קען יעדער איינער זוכה זיין ארויס צו גיין פון זיין אייגענע פרטיות׳דיגן גלות בזכות וואס ער לערנט משניות.

מען קען זיך גארנישט פארשטעלן וואסערע כח משניות האט און וואס עס טוט פארן מענטש; מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען (תהלים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", דאס איז ראשי תיבות 'משנ"ה'; אז א מענטש זאגט משניות נעמט עס אים ארויס פון שאול תחתית.

בפרט איינער וואס דער יצר הרע האלט אים אין איין מכשיל זיין אין פגם הברית; וויפיל ער וויל זיין גוט און ער מאכט פעסט אפ ביי זיך אז ער גייט שוין מער נישט טון קיין נארישקייטן, מיט דעם אלעם האלט זיך דער יצר הרע אין איין מתגבר זיין אויף אים, ער ווארפט אים אראפ אין ביטערע עבירות, אזא מענטש - אויב וועט ער זיך באפלייסן אין משניות וועט אים די תורה ראטעווען פון דעם. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְּלָן", אפילו א מענטש וואס איז זייער ווייט פון קדושה, ער טוט עבירות רחמנא לצלן און ער איז שוין אראפ געפאלן אין שאול תחתית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג "כך וכך", וועט ער סוף כל סוף ארויס גיין פון זיין בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

עס איז מקובל פון אנשי שלומינו אז דער שיחה גייט ארויף אויף ח"י פרקים משניות; אפילו איינער וואס איז נעבעך אריין געפאלן אין שמוציגע מעשים, אויב וועט ער זיך מאכן א קביעות צו זאגן יעדן טאג אכצן פרקים משניות וועט אים דאס ארויס נעמען פון זיינע נישט גוטע מעשים.

בנוגע וואספארא ספרים צו לערנען וכו'; אז דו האסט א געפיל אין שיחות הר"ן זאלסטו זיך באפלייסן אין דעם ספר און דאס וועט דיר ברענגען נענטער צום אייבערשטן, אזוי ווי דער רבי האט בפירוש געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): "מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זיין אן ערליכער איד, און נישט סתם אן ערליכער איד נאר אן ערליכע איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד"; ר' נתן זאגט (שם): "וְגַם אֲפִלּוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלּוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם-כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת, לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דעם רבינ'ס ספרים פארמאגן א מורא'דיגן כח צו

מעורר זיין א מענטש צו דינען דעם אייבערשטן, און אין יעדע שמועס פון רבי׳ן ליגן געוואלדיגע עצות און הדרכות פארן לעבן.

ווען א מענטש האט א געפיל אין א ספר קען מען נישט קוקן אויף א צווייטן; יעדער מענטש האט זיין חלק אין די תורה, אזוי ווי מיר בעטןביים דאווענען: ׳ותן חלקינו בתורתיך׳. אז דו האסט א געפיל אינעם ספר ״אוצר אמונה״ זאלסטו דאס נישט אפלאזן.

אזוי אויך דער ספר ארך אפים איז א כרכא דכולא ביה; עס איז דא אסאך וואס צו דערציילן אויף דעם ספר, ווי אזוי דער ספר איז געשריבן געווארן און וואס האט זיך אפגעטון ווען דער ספר איז ארויס געקומען לאור עולם.

לכתחילה האט מוהרא״ש געוואלט שרייבן אן הקדמה אויפן ספר ׳שמירת הזמן׳; מוהרא״ש האט זיך אוועק געזעצט איין נאכט שרייבן אן הקדמה אויפן ספר שמירת הזמן, פלוצלינג זעט מוהרא״ש אז עס איז שוין טאג - איז ער געגאנגען דאווענען, נאכדעם האט ער זיך בארעכנט אז עס איז שוין כמעט א גאנצע ספר פאר זיך, מען קען דאס נישט נוצן פאר אן הקדמה, דעריבער וועט ער דאס ענדיגן און מאכן פון דעם א ספר פאר סבלנות. גלייך נאכן דאווענען האט ער ווייטער געשריבן דעם ספר ביז ביינאכט, נאך מעריב האט ער געטראכט צו זיך, אז ער איז שוין אויף געוועזן א נאכט און א טאג וועט ער ווייטער בלייבן אויף נאך א נאכט אזוי וועט ער קענען טון דאס וואס דער רבי האט געגעבן א תיקון פאר ר׳ נתן צו זיין אויף א נאכט א טאג מיט א נאכט ברציפות, אזוי האט ער געענדיגט שרייבן דעם ספר.

מוהרא״ש האט דערציילט אז בשעת דער ספר איז אריין צום דרוק האט אויסגעבראכן א שריפה ביי אים אין שטוב, ער האט געוויסט אז עפעס וועט פאסירן ווען דער ספר גייט ארויס אויף דער וועלט, אז דער יצר הרע וועט אים נישט אפלאזן צוליב דעם ספר, אזוי אויך האט זיך דעמאלט אנגעהויבן די מחלוקת פון אנשי שלומינו ברסלב׳ע חסידים אויף מוהרא״ש - פון ווען דער ספר איז געדרוקט געווארן; עס איז דא אסאך צו דערציילן אויף דעם ספר ואין כאן המקום להאריך.

ווען איך בין מקורב געווארן האב איך אסאך געלערנט דעם ספר ׳ארך אפים׳ ביז איך האב דאס געקענט בעל פה, האב איך דאס אנגעהויבן איבער צו שרייבן אויף אידיש; ווען איך האב געזאגט פאר מוהרא״ש אז איך שרייב איבער דעם ספר אין אידיש האט מיר מוהרא״ש געזאגט: ״נאר בתנאי אז דו וועסט נישט ארויס נעמען קיין אייןווארט״.

מוהרא"ש האט מיר דעמאלט דערציילט אז ווען עס איז ארויס געקומען דעם ספר 'ארך אפים' האט מען געשריגן אויף אים: "היתכן מען שרייבט אינעם ספר אזוי אפן ארויס געשריבן, אז אפילו מען פאלט אראפ אין עבירות קען מען תשובה טון"; למעשה האט זיך ארויס געשטעלט אז די וואס האבן געהאט די טענות - זיי אליינס זענען געווען גרויסע בעלי עבירה רחמנא לצלן.

מאך זיך א שיעור אין ספר הקדוש 'אשר בנחל'; נישט קיין חילוק וואספארא חלק, אז מען לערנט דעם ספר ווערט ממש ביטול הבחירה. דער ספר איז מחי' מתים; נישט קיין חילוק אין וואספארא מצב דער מענטש געפונט זיך, וועט אים דאס ספר צוריק ברענגען צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**אויב וועט מען שטארבן אויך נאך ביאת המשיח, ווען וועט זיין תחיית המתים?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געלערנט אין חיי מוהר"ן אז די וועלט האט א טעות אז מ'מיינט אז ווען משיח וועט קומען וועט מען נישט שטארבן, און דער אמת איז אז מען וועט יא שטארבן דעמאלט, און אויך משיח אליין וועט שטארבן.

וואס איז פשט פון דעם? אויב אזוי וואס איז דער ענין פון תחיית המתים? אז אלע געשטארבענע וועלן צוריק אויפשטיין לעבעדיג? ווען און פאר וועמען וועט זיין דער תיקון השלם?

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת נח, ג' מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס איז נישט קיין קשיא 'פאר וועם וועט זיין דעם תיקון השלם'; קודם וועט זיין (בראשית ג, יט): "וְאֶל עָפָר תָּשׁוּב", אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט (פרשת משפטים, קח:): אויפן פסוק (דברים לב, לט): אֲנִי אָמִית וַאֲחַיֶּה - "דִּבְהַהוּא זִמְנָא, כָּל אִינוּן דְּלָא טַעֲמֵי טַעֲמָא דְּמוֹתָא,
~~~~~~~~~~~

מְנֵיהּ תְּהֵא לוֹן מוֹתָא, וְיָקִים לוֹן וכו׳״, פאר עס וועט זיין תחיית המתים וועלן אלע דארפן שטארבן, און נאכדעם וועט דער אייבערשטער זיי אויפלעבן.

עס איז נישט כדאי אריין צו טראכטן צופיל אין די זאכן; דער רמב״ם זאגט (פרק יב מהלכות מלכים ומלחמות, הלכה ב): ״לְעוֹלָם לֹא יִתְעַסֵּק אָדָם בְּדִבְרֵי הַהַגָּדוֹת, וְלֹא יַאֲרִיךְ בַּמִּדְרָשׁוֹת הָאֲמוּרִים בְּעִנְיָנִים אֵלּוּ וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן, וְלֹא יְשִׂימֵם עִקָּר״, מען זאל נישט צופיל אריין קלערן וואס און ווי אזוי עס וועט זיין נאכדעם וואס משיח וועט קומען, ״שֶׁאֵין מְבִיאִין לֹא לִידֵי יִרְאָה וְלֹא לִידֵי אַהֲבָה״, ווייל פון דעם קומט נישט ארויס קיין עבודת השם יתברך; דער עיקר דארפן מיר זען וואס מיר קענען יעצט טון אז יעצט זאלן מיר נישט זיין קיין טויטע מענטשן, נאר מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן און זיך פארלאזן נאר אויף אים.

יעצט דארפן מיר זען צו לעבן מיט דעם לימוד וואס משיח וועט אריין ברענגען פאר די גאנצע וועלט, וואס דאס איז די זאך פון תפילה. אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א, סימן ב): ״עִקַּר כְּלֵי זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה״, משיח׳ס געווער וועט זיין תפילה, ״וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכְּבִישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ - הַכֹּל מִשָּׁם״, אלע מלחמות און אלעס וואס ער וועט איינעמען וועט זיין נאר דורך תפילה; דערפאר דארפן מיר שוין יעצט אפיר נעמען דעם געוועהר און אלע אונזערע מלחמות און אלעס וואס מיר ווילן פועל׳ן זאל זיין נאר מיט תפילה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

## ברסלב איז דאך אזוי שיין, פארוואס איז אבער דא דארט אזויפיל מחלוקת?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט דארף איך דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען נתקרב צו ווערן צו ברסלב, דאס איז געווען געווען גענוי א יאר צוריק ווען איך זיך אנגעטראפן בהשגחה פרטית אין די שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א, און זייט דעמאלט האב איך נאכנישט פארפאסט קיין איין שיעור, און דאס האט געטוישט מיין לעבן איינגאנצן צום גוטן, איך האב די פארגאנגענע יאר צום ערשטן מאל אין לעבן מעביר סדרה געווען די גאנצע יאר, כ'האב מסיים געווען ששה סדרי משנה צום ערשטן מאל, און איך האב דורכגעלערנט טויזנט בלאט גמרא בלויז אין די לעצטע יאר, און אין נאך פילע הינזיכטן איז מיין לעבן געטוישט געווארן מיט די פילע עצות און חיזוק, דער אייבערשטער זאל אייך געבן ווייטער כח ממשיך צו זיין מיט די עבודת הקודש.

לעצטנס האט מיר אבער אנגעהויבן עגבערן א זאך, פון איין זייט זע איך די הערליכקייט פון ברסלב'ע חסידות, ווי שטארק דער רבי העלפט מיר מיט זיינע עצות אויף טריט און שריט, אבער פון די אנדערע זייט
~~~~~~~~~~~

זע איך אויך אז ס'איז דא אסאך מחלוקת אין ברסלב, מ'קריגט זיך ארום איינער מיט'ן צווייטן, און דאס מאכט מיר אויסקוקן אז עפעס טויג נישט דא.

אפשר האט דער ראש ישיבה שליט"א אן עצה פאר מיר, ווייל איך ווייטער זייער שטארק אנהאלטן מיט דעם הייליגן דרך פון רבי'ן וואס העלפט מיר אזויפיל אין לעבן.

א גרויסן יישר כח, אהרן

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת נח, ג׳ מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד אהרן נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

קוק צו וואס א מענטש קען זוכה זיין אין בלויז איין יאר... איך האב איבערגעליינט דיין בריוו נאכאמאל און נאכמאל צו זען אויב איך ליין גוט, שטוינענדיג צו וואס א מענטש קען זוכה זיין אנצוקומען אין איין יאר אויב ער פאלגט דעם הייליגן רבי׳ן. דו שרייבסט אז דו האסט אנגעיאגט צו לערנען דעם יאר חמשה חומשי תורה, ששה סדרי משנה און טויזנט דפים גמרא; דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט ווייטער לערנען פלייסיג די הייליגע תורה, וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.

בנוגע מחלוקת צווישן ברסלב׳ע חסידים; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן קעא): אויפן פסוק (דניאל יב, ב): ״וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ, אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם״, יעדעס מאל עס ווערט באוויסט א נייע שכל - א נייע דרך אין עבודת השם, זענען דא צוויי סארט מענטשן, איינער איז זיך מחי׳ מיט יעדן דיבור, מיט יעדע טראפ שכל, ביי אזא מענטש איז - ״אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם״, ער שפירט ביי זיך אז ביז יעצט איז ער געווען ווי א טויטער מענטש, ער האט נישט געלעבט, ער איז געשלאפן א טיפע שלאף, אבער יעצט האט אים דער רבי אויפגעוועקט און ער הייבט אן לעבן. נאכדעם זענען דא וואס נוצן נישט די שכל און די לימודים פאר חיי עולם, נאר אויף חוזק צו מאכן פון יענעם; זיי זוכן ווי מען קען נאך איינעם אוועק מאכן - ״וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם״, ווי זיי קענען יענעם וויי טון און יענעם אוועק מאכן.

עס איז כדאי דו זאלסט לערנען דער תורה און זיך נאכדעם גוט אויסוויינען צום אייבערשטן אויף די תורה: **״רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל נישט קוקן אויף קיינעם, איך זאל נאר זיין פארנומען מיט מיר; הייליגער באשעפער, העלף מיר אז ווען איך לערן די תורות פון רבי׳ן זאל איך עס נעמען פאר מיר, נישט אזוי ווי די וואס נעמען**

**עס: 'לַחֲרָפוֹת לְדִרְאוֹן עוֹלָם', אזוי ווי דער רבי זאגט - ווען א צדיק זאגט תורה, דעמאלט ווערט מקוים וואס שטייט 'וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ', אלע איינגעשלאפענע מענטשן וועקן זיך אויף, אבער נישט אלע זענען גלייך, נאר 'אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם, וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת לְדִרְאוֹן עוֹלָם', דערפאר בעט איך דיר רבונו של עולם, העלף מיר אז איך זאל נעמען דעם רבי'ן 'לְחַיֵּי עוֹלָם', איך זאל לעבן מיטן רבי'ן, איך זאל געדענקען אז איין טאג וועל איך איבערלאזן די וועלט; אין בית החיים דארט וועל איך גיין און מיין משפחה וועט מיר לאזן דארט אליין, נאקעט אויסגעטון קום איך דארט אהין, דארט וועל איך זיין איינער אליינס ליגן אין פעלד, איך וועל גארנישט מיט נעמען מיט מיר נאר דאס ביסל תורה, תפילה ומעשים טובים".**

טייערער ברודער, יעדעס מאל דו האסט חלישות הדעת פון ברסלב'ע חסידים זאלסטו געדענקען אז דאס איז נאר דיר מרחק צו זיין פונעם הייליגן רבי'ן, אזוי ווי רבי נתן האט דערציילט (שיחות הר"ן, סימן ש): "פַּעַם אַחַת אָמַר לִי: כָּל מַה שֶּׁאַתָּה רוֹאֶה בָּעוֹלָם, כָּל מַה שֶּׁנִּמְצָא בָּעוֹלָם, הַכֹּל בִּשְׁבִיל הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן", איינמאל האט מיר דער רבי געזאגט "אלעס וואס טוט זיך אויף די וועלט איז נאר עס זאל בלייבן א בחירה און עז זאל זיין נסיונות"; עס קען זיין אז די גאנצע מחלוקה וואס טוט זיך יעצט ביי ענק איז נאר אז דו זאלסט אוועק גיין און איין מאל דו וועסט אוועק גיין וועט אלעס ווערן מסודר.

פונקט ווי מען טאר נישט צעבראכן ווערן פון מניעות פון אינדרויסן אזוי אויך טאר מען נישט ווערן צעבראכן פון מניעות פון ברסלב'ע חסידים; דער עיקר דארף מען קוקן אויף זיך און שטענדיג מאכן א חשבון הנפש: 'איך ווייס דאך יא ווער איך בין, אז איך געטראפן א רבי וואס העלפט מיר און היילט מיר אויס וועל איך אים נישט אפלאזן וועגן קיין שום זאך אויף דער וועלט'.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט נישט האבן קיין שום שייכות מיט מחלוקת; קיינער זאל דיר נישט איינרעדן אז עס איז א מצוה צו קריגן אויף דעם און אויף יענעם, נישט פארדעם זענען מיר געקומען צום רבי'ן - צו מתקן זיין א צוויטן, מיר זענען געקומען צום רבי'ן זיך אליינס צו פאררעכטן; ווי פאר די וואס האבן א חלק אין מחלוקת, ווי פאר דער וואס טשעפעט א צוויטן איד.

אנטלויף פון א פלאץ וואו מען קריגט זיך. מוהרא"ש האט פארציילט אז איינמאל שבת אינמיטן דאוונען איז ארייגעלאפן א פרוי אין דעם בית המדרש פון רבי ישראל סאלאנטער זכרונו לברכה; מען האט נאך געהאלטן פאר קריאת התורה און די פרוי איז צוגעלאפן צום ארון הקודש און געוויינט מיט קולי קולות אז מען האט גענומען איר זון

אין מיליטער, זי האט זייער געשריגן און מען האט איר נישט געקענט שטיל מאכן, צום סוף האט מען איר אנגעכאפט און ארויסגעטראגן פון שול. זעענדיג דאס האט זיך רבי ישראל סאלאנטער אויפגעהויבן און ארויסגעגאנגען פון בית המדרש, זאגנדיג: "אין א שול וואו מען האט נישט קיין רחמנות אויף א צעבראכענע פרוי און מען פירט זיך אויף מיט אזא רשעות, וויל איך נישט הערן קריאת התורה".

שטארק דיך ווייטער מיט דיינע שיעורים כסדרן על פי סדר דרך הלימוד פון רבי'ן; וואויל איז פאר דעם וואס איז נאר פארנומען מיט זיך, מיט זיינע שיעורים כסדרן און האט נישט קיין צייט פאר מחלוקת און פאליטיק. אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט ווען מען האט אים אמאל געפרעגט ווי אזוי ער האט זיך געקענט דערהאלטן ווען עס האט געברענט די מחלוקת אויף אים, האט ער געזאגט: "דער רבי האט מיר געגעבן אזוי סאך שיעורים וואס איך דארף לערנען יעדן טאג, אז איך האב נישט קיין צייט צו הערן און צו ענטפערן פאר מיינע מתנגדים".

מוהרא"ש האט אונז געגעבן א צוואה וואס מען זעט נישט ביי אנדערע צדיקים אזא סארט צוואה, ווען מען ליינט די צוואה ווערט מען זייער נתעורר צו תשובה, מוהרא"ש שרייבט (סימן ט): "**מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק הִיטְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְצוּמִישְׁן אִין קַיין שׁוּם מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערַייעֶן, אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם סָארְט פָּאלִיטִיק**", דאס זאל דיר ליגן שטענדיג פאר די אויגן: דו זאלסט זיך נישט מישן אין קיין שום מחלוקת, אפילו מען וועט דיר איינרעדן אז עס איז א מצוה, זאלסט שטענדיג געדענקען וואס מוהרא"ש האט אונז געזאגט, אז מיר זאלן נאר זיין פארנומען מיט זיך און נישט טראכטן פון א צווייטן.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~

### ווי אזוי קען איך בארואיגן מיין ווייב, וואס ווערט זייער אנגעצויגן פאר יעדן יום טוב?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין אויפגעוואקסן אין א הערליכע רואיגע שטוב ב"ה, פון מיט אמונה פשוטה, ווי אזוי דער אייבערשטער פירט איז, און אפילו ווען ס'קומט א שוועריקייט שטארקט מען זיך אז דער אייבערשטער פירט זיכער אלעס צום גוטן, און דער אייבערשטער וועט זיכער העלפן אז אלעס וועט אריבערגיין בשלום.
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן אז איך האב חתונה געהאט מיט מיין ווייב, זייער א וואוילע פרוי, די שלום בית איז געוואלדיג ב"ה, מ'העלפט זיך און מ'איז איבערגעגעבן איינער צום צווייטן, מיר האבן ב"ה עטליכע ליכטיגע קינדער, און איך שפיר ממש ווי די שכינה רוהט ביי מיר אין שטוב, דער אייבערשטער זאל ווייטער העלפן.

דער פראבלעם איז אבער אז מיין ווייב נעמט זייער שווער ווען ס'דא אסאך ארבעט אין שטוב, דאס מאכט זיך ספעציעל פאר יעדן יו"ט, זי קען נישט נעמען דעם געדאנק אז ס'גייט קומען אזויפיל ארבעט, זי ווערט געפערליך נערוועז דערפון און איך קען איר ממש נישט בארואיגן, עד כדי כך אז זי קען בכלל נישט הנאה האבן פון א יו"ט, זי קען קויםווארטן דער יו"ט זאל אריבערגיין און מ'זאל צוריקגיין צום נארמאלן סדר היום.

און דער פראבלעם ווערט גרעסער אז איך האב ממש נישט קיין וועג ווי אזוי איר צו העלפן, אויב שאר איך זיך ארויף די ארבל און נעם זיך העלפן, ווערט זי זייער צעבראכן ווייל דאס מאכט איר שפירן אז זי קען נישט אליין טון די ארבעט, און זי הייסט מיר גלייך אויפהערן. אויב העלף איך נישט און איך מאך זיך נישט וויסנדיג, ווערט זי זייער ברוגז, און מיט רעכט, פארוואס איך פארשטיי איר נישט. אויב רעד איך יא, איך וויז ארויס מיטגעפיל און איך זאג איר אז איך פארשטיי ווי שווער ס'איז איר ארבעט זיך אפצוגעבן מיט'ן אזויפיל זאכן, מיט קאכן, איינקויפן קליידער, און אכטונג געבן אויף די קינדער, מאכט דאס איר אויך נישט רואיג אויפ'ן הארצן, זי הויבט אן וויינען און זיך אפרעדן אויף זיך אליין אז זי איז אזוי שלעכט, אז זי קען נישט אנקומען צו טון איר ארבעט ווי עס דארף צו זיין, עס שטערט איר זייער אז איך קען זיך האלטן רואיג אפילו אין אנגעצויגענע מצבים, און זי קען דאס נישט באווייזן.

און דאס איז נישט נאר ממש פאר יו"ט, נאר חדשים פריער קען זי זיך שוין זארגן וואס זי גייט טון ווען ס'גייט קומען יו"ט, אדער אן אנדערע פארנומענע צייט, ווי אזוי וועט זי קענען אניאגן מיט אלעס.

איך מיין אז זי האט ב"ה די כוחות אלעס צו טון, נאכדערצו ווען איך לייג צו א האנט, און מיר האבן נאך הילף אויך פון רוימערקעס, איך מיין אז איר פראבלעם איז נאר אין מח, זי איז ב"ה געזונט און שטארק בגוף ובנפש, נאר ווען ס'קומט צו דעם ענין ווערט איר מח פארקנאקט, און זי קען נישט גלויבן אז זי וועט עס קענען באווייזן.

איך וואלט ווען געדארפט מער אריינברענגען אמונה פשוטה אין שטוב, אז דער אייבערשטער געבט נישט פאר א מענטש א נסיון אדער שוועריקייט וואס ער קען נישט פארנעמען, דארף איך אויך וויסן א וועג ווי אזוי מ'ברענגט אריין אמונה אין שטוב, נישט אז איך בין שוין אינגאנצן אויסגעארבעט מיט א ריינע אמונה, אבער איך שפיר אז ווען איך וועל אריינברענגען מער אמונה אין מיר און אין מיין ווייב, וועט אלעס גיין כשורה.

איך האף דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר קענען ארויסהעלפן אין דעם ענין.

א גרויסן יישר כח.

מענדל

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת נח, ג׳ מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד מענדל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו אליינס שרייבסט דעם ענטפער ווי אזוי דו קענסט בארואיגן דיין ווייב - נאר דורך אמונה.

וויסן זאלסטו אז אמונה איז די רפואה פאר אלע פראבלעמען וואס מענטש ליידן לא עלינו; בפרט גייסטישע פראבלעמען. אלע נערוון, פחדים, דמיונות וכו׳ וכו׳ קומט מחמת חסרון אמונה, און ווי מער א מענטש חזר׳ט זיך איין די פשוט׳ע ריינע אמונה אלץ מער ווערט מען רואיג און פרייליך, מען לעבט נישט מיט קיין לחץ און מען האט נישט קיין פחדים וכו׳.

אויף דיין פראגע ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו לעבן מיט אמונה; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן ח): ״וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת״, מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו טרעפן אן אמת׳ער צדיק וואס קען צו ברענגען צו האבן א ריינע קלארע אמונה, ״כִּי כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה״, ווייל אלע וואס זענען מקורב צו אן אמת׳ן צדיק זענען זוכה צו האבן א קלארע אמונה; ביי אנשי שלומינו איז דער תורה די צוואה פון רבי׳ן, דעם תורה ׳תקעו תוכחה׳ האט דער רבי געזאגט דעם לעצטן ראש השנה פון זיין לעבן (עיין פעלת הצדיק, סימן תתרט).

דער הייליגער רבי - ער לערנט אונז אויס צו האבן אמונה; דער רבי האט געזאגט (שיחות הר״ן, סימן לג): ״אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן״, ביי די וועלט איז אמונה א קליינִיקייט, ״וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעִקַּר הָאֱמוּנָה הִיא בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת וַחֲקִירוֹת כְּלָל״, אבער ביי מיר איז דער עיקר אמונה, אן קיין חקירות און אן קיין חכמות, ״רַק בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר כְּמוֹ שֶׁהַנָּשִׁים וְהֶהָמוֹן עַם הַכְּשֵׁרִים מַאֲמִינִים״, נאר פשוט אזוי ווי פרויען און פשוט׳ע מענטשן גלייבן. דער רבי לערנט אונז אויס מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן אויף אונזער מאמע לשון, דאס אליינס ברענגט אמונה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים פט, ב): ״אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי״; ווי מער א מענטש געוואוינט זיך צו צו רעדן פונעם אייבערשטן אלץ שטערקער ווערט איינגעבאקן אין אים די אמונה.

די ערשטע זאך זאלסטו יעדן טאג בעטן דעם אייבערשטן אז דיין ווייב זאל זיין געזונט, מאך זיך א תפילה אין אידיש: "רבונו של עולם איך דאנק דיר פאר מיין שיינע לעבן וואס דו האסט מיר געגעבן, איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו געבסט מיר און פאר מיין ווייב און קינדער; איך בעט דיר טאטע זיסער, העלף מיין ווייב זי זאל האבן כח אויפצוציען די קינדער געזונטערהייט, זי זאל נישט ווערן דערשראקן פאר א יום טוב וכדומה"; אזוי זאלסטו בעטן פאר איר זי זאל האבן שטארקע נערוון און נישט צעפאלן ווערן פון אסאך ארבעט, וועסטו זען ווי דער אייבערשטער וועט דיר העלפן.

צווייטנס בעט איך דיר זייער דו זאלסט ווייטער האבן סבלנות צו דיין ווייב; וואויל איז דיר אז דו רעדסט צו איר שיינע ווערטער און דו בארואיגסט איר. מיין נישט אז דיינע ווערטער טוען נישט אויף ווען דו פרובירסט איר צו מחזק זיין און זי קלאפט זיך נאך אלץ אראפ וכו', ווער נישט פארלוירן ווען זי וויינט צו דיר און זי קלאפט זיך אראפ אז זי קען נישט טון אלע ארבעט וכו'; דו זאלסט איר ווייטער אויסהערן און איר ווייטער מחזק זיין, ווייז איר אז דו פארשטייסט איר - וועט זיך אלעס איבער דרייען.

מען דארף האבן אסאך סבלנות אין לעבן - בפרט ווען עס קומט צו שלום בית; דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: "איך וואלט ווען געדארפט שרייבן אויף דברים שבינו לבינה וויפיל בענדער ליקוטי הלכות איך האב געשריבן"; ווען א פרוי שפירט ווי איר מאן פארשטייט איר צער און ווייטאג דאס אליינס בארואיגט איר.

דריטנס זאלסט אריין נעמען אין דיר אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט און אלעס וואס מיר זען אויף דער וועלט איז נאר דער אייבערשטער. דער אייבערשטער האט זיך פארשטעלט אין דומם, צומח, חי און מדבר עס זאל אויס זען ווי עס איז דא א וועלט.

אז דו וועסט האבן א ריינע אמונה וועט דאס ממילא אריין גיין אין דיין שטוב, אין דיין ווייב און קינדער און מען וועט שפירן א אמת'ע רואיגקייט אין שטוב.

...

~~~~~~~~~~

### פארוואס דארף מען היטן טהרת המשפחה?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין זייער צעמישט, און איך שפיר אז דער ראש ישיבה איז דער איינציגסטער וואס קען מיר העלפן, איך לערן זיך אזויפיל פון די שיעורים, און דאס העלפט מיר שטייגן אין לעבן.
~~~~~~~~~~

איך האב נישט קיין געפיל צו די הלכות פון טהרת המשפחה, איך פארשטיי נישט פארוואס איך דארף זיך רייניגן וכו' און איינהאלטן אלע איבריגע הלכות, וואס טוט דאס אויף, און צו וואס פעלט עס אויס בכלל?

איך שפיר ווי איך ווער אונטערדרוקט אז איך טאר נישט טון דאס און יענץ, א פרוי גייט דורך גענוג שווערע יסורים מיט'ן האבן קינדער, צו וואס פעלט נאך אויס צוצולייגן די אלע איבריגע הלכות און גדרים?

איך האף דער ראש ישיבה וועט מיך קענען ארויסהעלפן.

יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת נח, ג' מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

אז מען היט נישט טהרת המשפחה באקומט מען נאכדעם א גרויסן עונש; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת לא:): "נָשִׁים מֵתוֹת בִּשְׁעַת לֵדָתָן עַל שֶׁאֵינָן זְהִירוֹת בְּנִדָּה", פרויען שטארבן ווען זיי געבוירן קינדער ווייל מען היט נישט די מצוה פון טהרת המשפחה; דאס איז א שפיל מיט פייער, אז מען היט נישט טהרת המשפחה געבוירט מען קינדער וואס זענען קראנק פיזיש און גייסטיש רחמנא לצלן.

עס איז נאר שווער כל זמן מען ווייסט נישט פארוואס מען טוט דאס, אבער ווען עס קומט צו טון זאכן צו ראטעווען די אייגענע לעבן און דאס לעבן פון די קינדער דעמאלט איז גארנישט שווער; קוקט וואס די הייליגע חכמים זאגן אונז (שבת יג.): אליהו הנביא האט דערציילט: "מַעֲשֶׂה בְּתַלְמִיד אֶחָד שֶׁשָּׁנָה הַרְבֵּה וְקָרָא הַרְבֵּה וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הַרְבֵּה, וּמֵת בַּחֲצִי יָמָיו", עס איז געווען א מענטש וואס האט זייער פלייסיג געלערנט און ער איז געשטארבן זייער יונג, זיין ווייב האט דאס נישט אויסגעהאלטן, זי האט אנגעהויבן ארום לויפן צו אלע שולן און ישיבות און געפרעגט: ווי אזוי קען זיין אז מיין מאן איז געשטארבן יונג, עס שטייט דאך אין די תורה (דברים ל, כ): "כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ", ווער עס לערנט תורה וועט לאנג לעבן, מיין מאן האט געלערנט אסאך תורה - חומש, משניות און גמרא פארוואס איז ער נפטר געווארן אזוי יונג?! "וְלֹא הָיָה אָדָם מַחֲזִירָהּ דָּבָר", און קיינער האט נישט געוויסט וואס איר צו ענטפערן, איינמאל - דערציילט אליהו הנביא - בין איך איינגעשטאנען ביי די פרוי און זי האט מיר דערציילט די גאנצע מעשה, און האב איך איר געפרעגט: "איר האט געהאלטן טהרת המשפחה?"

האט זי געענטפערט: "אוודאי האבן מיר געהאלטן טהרת המשפחה", האט איר אליהו הנביא אויסגעפרעגט פונקטליך צי זי קען די הלכות פון טהרת המשפחה, ביז זי האט מודה געווען אז איר מאן האט נישט אכטונג געגעבן אויף די הלכות אין די שבעה נקיים; האט אליהו הנביא איר געזאגט: "בָּרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁהֲרָגוֹ", געלויבט איז דער אייבערשטער אז ער האט אים גע'הרג'ט, ווייל אין די תורה שטייט (ויקרא יח, יט): "וְאֶל אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב".

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר זענען אידן, מיר גלייבן אינעם אייבערשטן און אין די הייליגע תורה, און מיר פרייען זיך מיט די מצוות וואס ער האט אונז דערמיט געהייליגט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז איר זאלט אויך זוכה זיין צו פארשטיין די הארבקייט פון דעם און זיך פירן בדרך התורה.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קען איך גלייבן אז איך גיי האבן פרנסה, ווען איך ווייס מיינע עבירות?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געהערט לעצטנס אויף א "חיזוק יומי" אז אמונה ציט צו זיך די ישועה, ווען א איד גלייבט אמת'דיג אז ער וועט געהאלפן ווערן, וועט ער טאקע געהאלפן ווערן, צום ביישפיל אויב גלייבט א מענטש אז ער וועט האבן פרנסה, וועט ער טאקע האבן. ווען א מענטש זעט אז ס'גייט אים נישט קיין איין דזשאב און הערט אויף גלייבן אז ער קען נאך אמאל פרנסה, דאס אליין מאכט אים אז ער זאל טאקע נישט האבן קיין פרנסה.

מיין שאלה איז אז דער רבי זאגט דאך בפירוש אז דורך פגם הברית האט מען נישט קיין פרנסה, מוז איך דאך גלייבן מיט אמונת צדיקים אז ס'איז טאקע אזוי, און אזוי ווי איך ווייס דאך מיינע פראבלעמען, דעריבער יעדעס מאל וואס איך גיי צו צו א נייע ארבעט אדער ביזנעס, זאג איך מיך אליין אין מח אז ס'וועט זיך זיכער נישט אויסארבעטן גוט, ווייל איך דאך נישט אזא ערליכער איד.

איז די שאלה ווי אזוי קען איך טאקע גלייבן אז איך וועל יא מצליח זיין אין פרנסה.

א גרויסן יישר כח
~~~~~~~~~~

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת נח, ג' מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אויב דו גלייבסט אז דו קענסט טון שלעכטס גלייב אז דו קענסט פאררעכטן; אז מען איז נכשל געווארן מיט עבירות טאר מען זיך נישט פארלירן און זיך אראפקלאפן צוליב דעם, נאר מען דארף זיך גלייך אומקערן צום הייליגן באשעפער.

דעריבער בעט איך דיר זייער זאלסט זיך צוגעוואוינען צו זאגן יעדן טאג דעם "תיקון הכללי" - די צען קאפיטלעך תהילים וואס דער רבי האט מגלה געווען צו מתקן זיין דורך דעם די עבירה פון פגם הברית [קאפיטל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ]; בפרט אז דו ביסט אראפגעפאלן אין די עבירה רחמנא לצלן און דו האסט נישט עומד געווען בנסיון זאלסטו זאגן יעדן טאג די צען קאפיטלעך תהילים. אז דו קענסט גיין אין מקוה - מה טוב ומה נעים, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו פרנסה בניקל.

אז דו מוטשעסט זיך מיט פרנסה זאלסטו נעמען די עצה פון הייליגן רבי'ן זיך צו מתבודד זיין יעדן טאג; גיי אויף א פלאץ וואו קיינער איז נישט דארט און וויין זיך אויס צום אייבערשטן, בעט אים ער זאל רחמנות האבן אויף דיר און דיר געבן פרנסה גרינגערהייט, בעט אים: **"הייליגער באשעפער האב רחמנות אויף מיר, געב מיר פרנסה איך זאל קענען מפרנס זיין מיין ווייב און קינדער. זיי מיר מוחל רבונו של עולם אויף מיינע עבירות; איך גיי שוין זיין גוט, איך גיי מער נישט זינדיגן. העלף מיר איך זאל קענען עומד זיין בנסיון, וואס זאל איך טון אז איך פאל אראפ נאכאמאל און נאכאמאל?"** אזוי זאלסטו רעדן צום אייבערשטן וועט ער דיר העלפן אז דו וועסט האבן פרנסה בשפע. אבער נאר אז דו וועסט זיך נישט פארלירן און מייאוש ווערן; קלאפ זיך נישט אראפ, נאר גיי ארום מיט א מחשבה אז דו גייסט מצליח זיין און אזוי וועסטו טאקע מצליח זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...